בעזה"י, יום ג' לסדר ושמרתם לעשות ככל אשר יורוך שנת תרצ"ד.

דוד המלך ע"ה האט געשריבען אין תהלים „על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצא", שטייט אין די ספרים לעת מצא זו מצוי הנפש. א מענטש ברויך בעטען השי"ת בשעת ער ברויך אבגעבען דאס נפש צו השי"ת וואס האט איהם עס געגעבען ער זאל קענען רעדען און זאל זיין ביים שכל ער זאל קענען אנזאגען וואס ער ברויך, אבער ניכט יעדער איז זוכה דאצו. דאהער האבע מיך גענימען שרייבען די פאר שירות און אנ" זאגען וואס איך קען ביז איך בין נאך ביים כח און ביים שכל.

יצחק אבינו ע"ה ווען ער האט געוואלט בענטשען עשו'ן האט ער געזאגט „הנה נא זקנתי לא ידעתי יום מותי", ברענגט רש"י א מאמר אמר ר' יהושע בן קרחה כשמגיע אדם לפרק אבותיו ידאג חמש שנים לפניהם וחמש שנים לאחריהם, איך בין שוין ב"ה די חמש שנים פון מאטענס צייט פעראיבער, נאר אין די חמש שנים לאחריהם פאן דער מאמעס צייט בין איך נאך ניכט פעראיבער און בפרט איך בין אויך ניכט געזונדליך בבריאת הגוף, דאדורך האבע מיך גענומען צו שרייבען די פאר שירות. דאס איז דער צווייטער טעם פאן מיין שרייבען.

ביי אברהם אבינו ע"ה געפינען מיר אז השי"ת האט געזאגט „כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו אחריו ושמרו דרך ד'", זעהן מיר אז עס איז א מצוה אנצוזאגען פאר די קינדער זאלען גיין בדרך הישר, דאהער וויל איך איך בעטען מיינע ליעבע קינדער, זאהן, טעכטער און איידעמ'ס איהר זאלט זעהן צו טין וואס איך וועל אייך דא וויטער בעטען.

ערשטענס בעט איך אייך ליעבע קינדער איהר זאלט נזהר זיין אין דער זאך וואס איך האב דארויף מקפיד געווען איהר זאלט פיר אייערע קינדער ניכט מאכען קיין בגדי פריצות, העמדער אהן ארביל אדער חי" קליידער אהן א ארביל זוי וויא די היינטיגע וועלט פיהרט זיך און טי'ען נאך פיר די עמות העולם, איהר ווייסט דאס איך האב אויף דען פיעל גע" שטריטען, בזכות זה ווירד איהר זוכה זיין זיי מגדל צו זיין מתוך נחת והרחבה.

2. בעט איך אייך איהר זאלט אייך ניכט זיפען און שמירען מיט די שמעקעדיגע זייפען וואס מען גייט ארוים אויף דער גאס, שפירט מען דאס וויט, די וועלט מיינט דאס שמעקט, לוידיר דאס שטינקט ארגער ווי צואה. מען גייט דארך לעבען עטוואס איין מענטש וואס ער איז גייסט איין ער" ליבער ערוועקט מען אין עם דען יצה"ר בעוה"ר, די וועלט האלט דאס פיר גארניכט און דאס איז לוידיר איין עון פלילי. ע"כ בעט איך אייך איהר זאלט אייך פון דען אבהיטען און אויך ווארענין אייערע קינדער זא"

לען זיך ניכט שמירען און ווייפען מיט די שמעהעדיגע זאכען, הגם די תורה האט מתיר געווען פיר נשים זיך צו צירען און שמירען אבער דאס איז נאר אין דער היים זי זאל געפעלען פיר איהר מאן אבער ניכט אין די גאסען געגען א פרעמדען וד"ל.

3. וועל איך אייך בעטען אויף די 3 זאכען וואס די וועלט שטייט: תורה, עבודה וגמילת חסדים. דאס איז ידיע פון די ספרים הקדושים דאס מען קומט אויף יענעם עולם פרעגט מען קבעת עתים לתורה, לכאורה האט געברויכט שטיין קבעת עת לתורה, נאר איך מיין דער פשט איז אזוי: קבעת עתים לתורה דאס יעדעס מאהל ווען א מענטש האט צייט, ער איז ניכט פערנומען אין געשעפט אבער אין איין ארבייט, זאל ער זיך נעמען א ספר און עטוואס לערנען ניכט זיצען בטל אבער ח"ו רעדען דברים בטלים און איך האב מיך אויך אזוי געפירט ווען איך האב ניכט געארבייט און בין געווען בבריאות הגוף האבע מיר גענומען א ספר און געלערנט וויניגער אבער מער נאר ניכט זיצען בטל, בעט איך אייך אויך מיינע ליעבע קינדער איהר זענט ב"ה אלע ניכט געגצליך קיינע בורים ח"ו, איהר קענט ב"ה אלע אביסעל לערנען, בעט איך אייך ווען איהר וועט נאר ארבייטען, עייט האבען זאלט איהר אייך נעמען א ספר אין די הגדה, האט מען קיין געדולד גמרא צו לערנען נעמט מען א מגידת ספר, איי בעדהויפט אין ספרי מוסר זאלט איהר יעדען טאג לערנען און איך בעט השי"ת ער זאל אייך געבען הרחבת הדעת איהר זאלט קענען לערנען מתוך נחת והרחבה.

עבודה. די גמרא זאגט איזהו עבודה שהיא בלב זו תפלה. ערשטענס בעט איך אייך איהר זאלט ניכט דאווענען בעל פה נאר אויס א סידור, צווייטענס בעט איך אייך איהר זאלט אין זין האבען פירוש המלות, יעדער איינער פאן אייך זאל זיך זעהן צו קויפען א פראסט סידור מיט עברי דייטש און ווען איהר וועט נאר געדולד האבען אביסעל לערנען די דייטש וועלבעס איהר וועט ניכט פארשטיין, וויל וואס פיר א טעם האט דאס מען שטעלט זיך בעטען פיר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה און וועגען זיין אייגענע אינטערעסע און מען ווייסט ניכט וואס מען רעדט און בכלל זה איז דאס תהלים אויך, איהר זאלט זעהן דאס ווען איהר זאגט תהלים זאלט איהר פארשטיין וואס איהר זאגט. דוד המלך ע"ה האט געמאכט דאס תהלים, יעדער איינער זאל פאר זיך אויך בעטען דארך זיינע שירות ותשבחות, ברויך מען זעהן מ'זאל וויסען וואס מ'רעדט. עס איז דא תהלים'ליך מיט עברי דייטש וואס יעדער איינער קען זיך גרינג אויסלערנען די דייטש

מען זאָל נאָר וועלען. דאהער בעט איך אייך איהר זאָלט מיך פאָלגען איהר זאָלט אייך קויפען תהלים מיט עברי דייטש און איהר זאָלט פערשטיין וואס איהר זאגט, ווירד אייך גוט זיין בזה ובבא וד"ל.

גמילת חסדים. די גמרא זאגט מיט 3 זאכען איז גמילת חסדים גרעסער פאַן צדקה בעט איך אייך איהר זאָלט זעהן מקיים זיין גמילת חסדים מיט די אלע 3 זאכען. גמילת חסדים גייט אן סיי ביי לעבעדיגע סיי ביי טויטע. איהר זאָלט טין גמילת חסדים מיט לעבעדיגע, הן א טובה טין מיט עטוואס לייען און מיט דען גוף העלפען יענעם וואס ער ברויך און איבערהויפט איינער דען אנדערען פאַן צווישען אייך, א ברודער אבער א שוועסטער אבער א קרוב, הקרוב קרוב קודם, אפילו מען ווייסט אז עס קען דאפאַן ארויסקימען א שטיקעל רעה פאר זיך, זאָלט איהר אויף דעם ניכט קיקען, ווייל אז עס קימט פיר זיך ניכט ארויס א רעה, הייסט ניכט פיר יענעם א טובה געטון, עס הייסט נאָר זה נהנה וזה לא חסר און אז מען טיט דאס אויך ניכט, הייסט דאס נאָר מדת סדום. ובכלל זה איהר זאָלט איין ניכט מקנא זיין איינער אין אנדערען אפילו ווען עס וועט היי איינעם פאַן אייך ניכט גוט גיין, ווייל הכל תלוי במזל און אז איינער האָט ר"ל א נעמיין מזל, וואס איז יענער שולדיג. אויך זאָל אין אנדערען זיך ניכט מקנא זיין, נאָר יעדער זאָל זיין א שמח בחלקו. און גמ"ח מיט טויטע, מקיים זיין הלואת המת און ווי מען ברויך צו שטייער געבען אויף צרכי קבורה אז איהר וועט זיין ביכולת, אויך הייסט גמילת חסדים בין לעניים בין לעשירים אמאָהל מיינט מען אז איינער איז איין עושר און מען ברויך עם ארויסהעלפען, דאס הייסט אויך גמילת חסדים. השי"ת זאָל אייך העלפען מקיים צו זיין די מצוה מתוך נחת והרחבה.

גידול בנים. דאס איז ביי דער היינטיגער וועלט ליידער זעהר א שווערע זאַך קינדער מגדל צו זיין על ברכי התורה והיראה. ע"כ בעט איך אייך ליעבע קינדער איהר זאָלט אייך זעהן מתאמץ זיין און איהר זאָלט זייער אכט געבען אויף די קינדער. ערשטענס זאָלט איהר זעהן אין דער היים די קינדער זאָלען נזהר זיין אין נטילת ידים, נאָגין פרידה ניכט ארומגיין אונ אבגעגאָסען די הענד, אויך זאָלט איהר זעהן זיי זאָלען נזהר זיין אין ברכת הנהנין, זיי זאָלען קיין שום זאַך ניכט עסען אָהן א ברכה און דאס איז נאָך מעהר מוטל אויף דער מוטער, ווייל דער פאטער איז ניכט אלע מאָהל אין דער היים ווען דאס קינד עסט. דארום בעט איך אייך ליעבע מוטער און שנירען איהר זאָלט השגחה האָבען אויף אייערע קינדער, זאָלען יעדעס מאָהל א ברכה מאַכען, אויך זאָלט איהר זעהן דאס קינד

זאָל ריין זיין און זיך וואשען די הענד ווען זיי וועלען מאכען א ברכה. אויך זאָלט איהר זעהן די קינדער אנדינגען ביי איין מלמד א ירא שמים און ניכט אינגאנצען פערלאָזען זיך אויף דעם מלמד, נאָר איהר זאָלט מקיים זיין ולמדתם את בניכם איהר זאָלט אליין אבאבט געבען זיי זאָלען לערנען און אין דער היים ווען דער מלמד לערנט ניכט. אליין מיט זיי לערנען איבערהויפט שבת האָב איך מיט אייך אלע מאָהל אליין געלערנט זאָלט איהר מיט אייערע קינדער. אויך אזוי נוהג זיין און ביים דאווענען אין שיל און ביהמ"ד אבאבט געבען די קינדער זאָלען שטיין לעבען אייך און נאָכזאגען בהוב"ש און ניכט ארימלויפען אין דערויסען, בזכות זה ווירד איהר זיי זוכה זיין מגדל זיין מתוך נחת והרחבה.

משא ומתן באמונה. דאס איז איינס פון די פראגען וואס מען פרעגט ווא מען קומט אויף יענעם עולם, אויב מען האָט עהרליך געהאנדעלט, אבער בעוה"ר ווער קען דאס זאגען, דאסס ער האָט עהרליך געהאנדעלט, דאס איז במעט גאר ניכט מעגליך, הגם וואס איז מעגליך געווען האָב איך מיך געהיטען איך זאָל עהרליך האנדלען, עס איז אבער ניכט מעגליך מען זאָל זיין יצא נכי, דאהער בעט איך די אלע וואס וועלען זיין ביי מיין לויה, אז עס ווירד זיין איינער וועלכער האבע מיט איהם געהאנדעלט, בעט איך איהם פאללס האבע עטוואס ניכט עהרליך געהאנדעלט זאָל ער מיר מוחל זיין במחילה גמירא. און פאללס ווירד ניכט זיין ד', מיט וועלכע האָבע געהאנדעלט, בעט איך די וועלכע וועלען יא זיין, זיי זאָלען מודיע זיין דאס איך בעט יעדען איינעם וואס האָב מיט איהם אמאָהל עטוואס פערהאנדעלט און אז עס איז ניכט געווען עהרליך, זאָלען זיי מיר מוחל זיין, כנגדו בין איך אויך מוחל פיר יעדען איינעם וואס האָט מיט מיר עטוואס ניכט עהרליך געהאנדעלט, א חוץ וועלכע האבען ביי מיר במזיון צוגענאָמען באר געלד און האָבען מיר ניכט אָבגעגעבען, פיר די בין איך ניכט מוחל, נאָר זיי האָבען א ברירה אבצוגעבען פיר מיינע יורשים, זוי ווירד ממילא נמחל ווערען. אויך בין איך געווען א פאָר יאָהר א גבאי צדקה, האָב צוזאמענגענומען געלד פיר די אָרימע אלמנות, פאללס האָב איך ניכט ערליך צוטיילט, אבער האָב גענומען פאָן אזאלכען וואס האָב ניכט געדארפט נעהמען, בעט איך יעדען איינעם זאָל מיר מוחל זיין. און השי"ת זאָל אייך העלפען איהר זאָלט קענען עהרליך האנדלען און ח"ו ניכט אָנברענגען פיר קיינעם א פרוטה און וואס איהר זענט שולדיג זאָל אייך השי"ת העלפען איהר זאָלט קענען יעדען איינעם בעצאָהלען, דאמיט מען זאָל קענען ריין קומען פיר דען ב"ד של מעלה.

איך האָבע אין אויגוסט 7 זאָגען געגען די 70 יאָהר וואָס השי״ת
האָט אויסגעגעבען דעם מענטש צו לעבען וועלכע האָבע בעזה״י שוין
באַלד איבערגעלעבט. איך בין היינט ב״ה בײַ די 65 יאָהר, השי״ת זאָל
מיר העלפען נאָך אויסצולעבען די איבריגע יאָהר, וויפיעל ער האָט מיר
גיט געוועזן. עס זאָל זיין חיי נחת, נאָר א מענטש ווייסט דאָך ניט ווען
זיין צייט קומט, דאַהער בעט איך אייך ליעבע קינדער איהר זאָלט אייך
מיט מיר נוהג זיין ווי ווי איך בעט אייך דא בסדר, ערשטענס זאָלען זיך
מיט מיר ניט מתעסק זיין נאָר חברה משניות מענטשען אויך זאָלען זיי
טובלי יום זיין. איהר זאָלט לאָזען וואַרעמען די מקוה מען זאָל זיך קענען
טובל'ן און מיך זאָל מען אויך טובל זיין אין דער מקוה.

פון הספד זאָלט איהר מיר ניט לאָזען מאַכען, איך ווייס דער
ספדן וויל נאָכזאָגען שבחים, אָבער איך ווייס ליידער מיינע חטאים, איך
האָב ניט וואָס מען זאָל מיר נאָכזאָגען. אפילו איך האָב אמאָהל געטון
עפּעס גוטס, מי יודע אָב דאָס איז געווען ערהליך לשם שמים אָהן א
פניאה ח״ו און אויף דעם עולם האמת ווערט מען ערשט געוואָר וואָס מען
האָט דאָ געטון. און אז מען זאָגט אויפעט נאָך שבחים וואָס איז אין עס
ניט געווען, קען מען נאָך ח״ו מעורר זיין א קטרוג. נאָר אנדערש זאָלען
ווי מען איז זיך נוהג מיט אין ערהליכען ייד, זאָל מען זיך מיט מיר אויך
נוהג זיין, הקפות און תפלות וואָס שטייען אין מעבר יבק, זאָל מען פיר
מיין נשמה אויך מתפלל זיין, והוא רחום יכפר עון.

אין הכנה דרבה פון ערוגת הבושם האָבע געזעהן דאָס ער שרייבט
דאָס ברית קודש זאָגען ברוך מען אין זין האָבען, דאָס איך וויל מקיים
זיין די מצות עשה פון ונקדשתי בתוך בני ישראל וועגען נשמת פב״פ
דאַהער בעט איך אייך ליעבע קינדער איהר זאָלט מיך אויך מזכה זיין
מיט דער מצוה און אין זין האָבען די מצוה מקיים זיין לתועלת נשמתי.
אויך זאָלט איהר ניט מרבה זיין א סך קדישים צו זאָגען, נאָר מעהר כוונה
איהר זאָלט וועהן איהר זאָלט פאַרשטיין דען פירוש פון דעם קדיש און
זאָגען מיט כוונה, אויך ווען איהר וועט לערנען משניות לתועלת נשמתי
זאָלט איהר לערנען אלע יאָהרצייט פרק כ״ה פון כלים שלשה ...
אין פרק ז׳ מקואות יש מעלין את המקוה און אויך אנדערע משניות זאָלט
איהר לערנען בסדר של שמי.

אויך די חברה בעט איך, זאָלען לערנען די אותיות בנחוג אין מען
זאָל זאָגען דעם קדיש און אין זין האָבען כנ״ל. דען קדיש מעג זאָגען

באַמשע וועלכער איינער וואס לערנט דען פרק משניות, אויף דען בריוו מען ניכט קיין מוחל זיין ה' ז"ל.

אז איהר וועט מיר שטעלען א מצבה, זאל מען קיין שום תוארים איפשרייבען אויף דער מצבה, נאר פ"נ משה בן שרה ובן שמואל יעקב והוא היה מעביר על מדותיו, נפטר ...... תנצב"ה.

וועגען דען סדר פון ירושה וועל איך נאך שרייבען אז השי"ת וועט מיר נאך שענקען דאס לעבען, פארלייפיג ווייס איך נאך ניכט וואס עס וועט זיך נאך טון ביז די צייט וועט קומען, מה שיעלה הזמן יעשה השכל, איך האף דאס איהר וועט איך ניכט קריגען, איהר וועט שוין אליין פערשטיין וואס צו טון ובפרט איך האב נאך דער פריהאין ניכט חתונה געמאכט. השי"ת זאל מיר העלפען ביי מיין לעבען נאך איהר חתונה מאכען נאר א מענטש ווייסט ניכט וועמענס מארגען איז, דאהער זאלט איהר זעהן זי זאל חתונה האבען צו איין ת"ח, ניכט געבען זי צו איין בור און פון דעם וואס עס וועט בלייבען נאך מיין אבלעבען, א חוץ וואס עס קומט פיר ברכה'ן, זאלט איהר אייך גראד צוטיילען, נאר איך האף נאך דאס השי"ת וועט מיר נאך העלפען איך זאל איהר חתונה מאכען און אלעס אליין אין ארדענונג ברענגען, כן יהי רצון.

משה עלה למרום,
שבעים שנה הי' ימי חיו,
הי' מעביר על מדותיו,
ב' אלול ת"ש לפ"ק.